# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת בחוקותי | שנת תשע"א לפ"ק

## דרש דרש

**אם בחקותי תלכו וגו'**: במדרש חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך, אמר דוד רבש"ע בכל יום ויום הייתי מחשב ואומר לבית פלוני אני הולך ולמקום פלוני אני הולך ורגלי מוליכות אותי לביהמ"ד. די קשיא איז באוואוסט ווי קען מען דען זאגן אז דוד המלך האט געהאט אנדערע מחשבות וואו צו גיין ח"ו נישט וואס עס איז דער רצון ה'?

ענטפערט דער רבי ז"ע אין **ברך משה** (בפרשתן) מיט דעם וואס מיר האבן געלערנט אין קידושין (דף ל' ע"א) לעולם ישלש אדם שנותיו, א מענטש זאל איינטיילן זיין לעבן, א דריטל מקרא, א דריטל משנה און א דריטל גמרא, פרעגט די גמרא א מענטש ווייסט דאך נישט ווילאנג ער וועט לעבן, ענטפערט די גמרא אז ער זאל איינטיילן די טעג, און ווי רש"י איז מסביר מיינט דאס אז יעדע וואך זאל לערנען צוויי טעג מקרא, צוויי טעג, משנה צוויי טעג גמרא. תוספות זאגט אבער אז דער פשט איז אז יעדן איינציגן טאג זאל ער לערנען אלע דריי.

נאכדעם ברענגט תוספות אז אונזער תלמוד בבלי איז שוין כולל אלע דריי, און דאס איז גענוג פאר אלעם.

דאס איז דער פשט אין מדרש, אם בחוקותי תלכו זאגט רש"י שתהיו עמלים בתורה, האט דוד המלך געפרעגט חשבתי דרכי, איך האב זיך געמאכט חשבונות ווי אזוי איינצוטיילן און דריטלן די לימודים במקרא, משנה, און תלמוד, **ואשיבה רגלי אל עדותי"ך**, **עדו"ת** איז בגימטריא **תלמו"ד**, אז ער וועט לערנען גמרא תלמוד בבלי, און דורכדעם וואס מ'לערנט תלמוד איז מען יוצא אלע דריי.

*

**אם בחוקתי תלכו וגו' ונתתי גשמיכם בעתם, פרש"י בלילי שבתות:**

דער **בני יששכר** ברענגט פון ספר **בירך יצחק** מסביר צו זיין די פסוקים פון די סדרה, מיטן שילוב פון סוף פאריגע סדרה, לויט די ווערטער פון **מדרש** (ב"ר י"א ה') אז א מין האט געפרעגט ווי אזוי מאכט דער אייבערשטער רעגענען אום שב"ק, אמער דער אייבערשטער איז דאך שומר משמרתה של תורה, און דאס הייסט דאך הוצאה מרשות לרשות, ווען דאס רעגן קומט פון הימל אראפ אויף דער ערד? האט מען אים געענטפערט אז ביים אייבערשטן הייסט נישט די וועלט הוצאה מרשות לרשות, ווייל די גאנצע וועלט איז זיינס, ממילא הייסט דאס אזוי ווי מ'איז מטלטל אין די אייגענע הויף.

לכאורה איז שווער א קשיא, ווייל דער מדרש זאגט אז ביי חורבן ביהמ"ק האט השי"ת אראפגעווארפן א גט פאר כנסת ישראל, און אויב זאג איך אז די גאנצע וועלט איז ווי זיין רשות, הייסט דאך דאס נישט געגעבן קיין גט, ווייל ס'מוז ארויסגיין פונעם רשות פונעם מגרש. ענטפערן די ספרים אז דער רבש"ע האט מקנה געווען א פלאץ פאר די אידן אין זיין חצר אז זיי זאלן קענען קונה זיין דעם גט. לויט דעם קומט אויס אז דער רבש"ע טאר נישט מאכן רעגענען פאר די אידן אין שבת, ווייל דאס רעגן קומט פונעם אייבערשטנס רשות צום רשות פון די אידן.

דאס זאגט דער פסוק סוף פאריגע סדרה **את שבתותי תשמורו ומקדשי תיראו**, אזוי וועט מען זוכה זיין אז דער ביהמ"ק זאל נישט חרוב ווערן דורך ענק, אזוי וועט מען נישט דארפן ווארפן קיין גט פאר כלל ישראל, און דער אייבערשטער וועט נישט דארפן מקנה זיין קיין פלאץ פאר אידישע קינדער אין זיין חצר. דעמאלטס וועט מען קענען זוכה זיין צום **ונתתי גשמיכם בעיתם בלילי שבתות**, און עס וועט נישט זיין קיין הוצאה מרשות לרשות.

*

**ונתתי שלום בארץ ושכבתם ואין מחריד, והשבתי חי' רעה מן הארץ:**

זאגט **הגה"ק רבי יהודא אסאד זצ"ל** פשט אינעם המשך פון די פסוקים, לויט דעם וואס שטייט אין **ספר חסידים** אז מ'זאל נישט באערדיגן צוויי שונאים איינעם נעבן דעם צווייטן, אזוי אויך זאל מען נישט לייגן קיין צדיק נעבן א רשע. איינמאל איז געווען ווען מ'האט געוואלט אריינלייגן א רשע נעבן א צדיק, האט מען געזעהן ווי א שלאנג נעמט ארום די מערה, און לאזט נישט אריינגיין.

דאס זאגט דער פסוק **אם בחקתי תלכו**, און אלע אידן וועלן זיך פירן ערליך און קיינער וועט נישט זיין קיין רשע, זאגט דער אייבערשטער צו אז **ונתתי שלום בארץ**, און קיינער וועט זיך נישט פיינט האבן איינער דעם צווייטן, דעמאלטס וועט זיין **ושכבתם**, מ'וועט קענען ליגן רואיג נאך די 120 ואין מחריד און מ'וועט נישט דארפן מורא האבן פון דעם אז צוויי שונאים ליגן איינער נעבן דעם צווייטן, ווייל עס וועט שלום צווישן אלע אידן, אזוי וועט זיין **והשבתי חיה רעה מן הארץ**, און עס וועט נישט זיין קיין שלענג ארום די מערה.

## מעשה רב

### שתהיו עמלים בתורה

**אם בחקתי תלכו ואת מצותי תשמרו וגו' ונתתי גשמיכם בעתם: זאגט רש"י: שתהיו עמלים בתורה:**

**עס איז אמאל געקומען א סוחר צום רבי'ן ר' מיכלע זלאטשוב'ער זי"ע, אין א שניי ווינטערדיגע נאכט ווען עס איז אינדערויסן געווען א שטארקע פרעסט, און ער האט געטראפן דעם רבי'ן ר' מיכלע זיצן אין א איינגענעמע ווארעמע שטוב און לערנט געשמאק, האט זיך דער סוחר אנגערופן צו אים "כ'זע אז דער רבי האט זייער א גוטע עולם הזה, דער רבי וועט האבן דערצו עולם הבא אויך?!".**

**ענטפערט אים דער רבי ר' מיכלע "אוודאי עס איז דאך א קל וחומר, מה-דאך עולם הזה וואס מיר טוען גארנישט דערצו און מיר מוטשענען זיך נישט דערויף האבן מיר ב"ה, איז דאך א ק"ו אז עולם הבא וואס מיר מוטשענען זיך יא דערויף וועלן מיר אוודאי האבן, און ביי דיר איז גאר פארקערט, מה-דאך עולם הזה וואס דו מוטשעסט זיך דערויף האסטו נישט, קל וחומר עולם הבא וואס אינטערעסירט דיך נישט, און דו פלאגסט זיך נישט דערויף, וועסטו אוודאי נישט האבן.**

**זאגט דער רביד הזהב אז דאס איז די פשט אין פסוק: אם בחקתי תלכו, וואס טייטשט שתהיו עמלים בתורה, אז מען וועט זיך פלאגן אויף לערנען תורה וואס דאס איז עולם הבא, דעמאלטס זאגט די תורה צו ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ יבולה, ווייל אז מען פלאגט זיך אויף רוחניות באקומט מעןביידע סיי עולם הבא און סיי עולם הזה, אבער ווען מען פלאגט זיך אויף גשמיות בלייבט מען אן ביידע.**

# בפרדס הפרשה

## שבר מצוה בהאי עלמא

אין די וואכעדיגע סדרה שטייט **אם בחקותי תלכו ואת מצותי תשמורו**, דעמאלטס **ונתתי גשמיכם בעתם**, און אלע גוטע ברכות וואס דער רבש"ע וועט געבן פאר אידן אז מ'וועט היטן תורה ומצוות.

די גמרא אין מס' קידושין (דף ל"ט ע"ב) זאגט **שכר מצוה בהאי עלמא ליכא**, אויף די וועלט גיט מען נישט קיין שכר פאר א מצוה, פרעגט אויף דעם דער **מהרש"א** מיר זעהן דאך איבעראל אין די תורה ווי השי"ת האט צוגעזאגט אלע סארט ברכות פאר ווער עס וועט מקיים זיין די מצות.

ווילן מיר דא ברענגען מערערע תירוצים וואס ווערט געברענגט אין די ספה"ק אויף די קשיא:

א. דער **מהרש"א** ענטפערט אז א מצוה וואס א רבים טוען אינאיינעם דאס זענען משפיע אלע ברכות.

ב. דער **ישמח משה** (פר' לך בשם ספה"ק) זאגט אז ווען א איד ברענגט זיך אליינס צו קיום המצוות, און ער איז מוסיף אין מצוות באקומט ער שכר מצוה אויף די וועלט.

ג. דער **רבי זי"ע** (דבר"י פר' לך) איז מיט דעם מסביר אז פאר מצות תפילין וציצית איז דא שכ"מ אויף די וועלט, ווייל מ'איז מוסיף אויף די מצוה מער ווי דער חיוב. ווייל דער חיוב פון תפילין וציצית איז נאר אויף א קורצע צייט

ד. דער **קדושת יו"ט** (פר' וישלח) זאגט אויך לויט דעם אז הכנה למצוה הייסט אויך אז מ'איז מוסיף, ממילא איז דא שכ"מ אויף די וועלט.

ה. דער **רבי זי"ע** זאגט אין **דברי יואל** (פר' האזינו) אז הערן דברי תורה איז אויך אזוי ווי אן הכנה למצוה, ווייל דער עיקר לימוד התורה איז די מצוות, און מ'באקומט דערפאר שכר מצוה אויף די וועלט.

ו. **דער רבי ז"ל** אין **ברך משה** (פר' ויצא) זאגט מיט די בחינה אז ווען מ'איז משכים ומעריב לבי כנישתא מער ווי מאיז מחויב איז דא שכר מצוה אויף די וועלט, ווייל א פועל דארף נאר ארבעטן בייטאג.

ז. דער **עיר דוד** זאגט אז דער רבש"ע באצאלט נישט קיין שכר אויף די וועלט ווייל די וועלט ווערט אנגערופן חול, נאר אויף יענע וועלט וואס ווערט אנגערופן קודש. אבער ווייל מיר זענען מוסיף מחול על הקודש, באצאלט דער אייבערשטער מדה כנגד מדה, און ער גיט שכר מצוה אויף די וועלט.

ח. אין ספר **באר שבע** זאגט אז מ'טוט תשובה מאהבה ווערן די זדונות זכיות, און אויף דעם איז דא שכר מצוה אויף די וועלט.

ט. דער **רבי זי"ע** (דברי יואל פר' עקב) זאגט אז ווען א מענטש איז זיך מתחזק קעגן מסיתים ומדיחים, ווייל מ'מוז לוחם זיין קעגן בעלי בחירה, טוט ער דאך מער ווי מ'דארף, איז דא שכר מצוה אויף די וועלט.

י. דער **ערוגת הבשם** (פר' עקב) זאגט אז אויב אידן האבן א דין בנים למקום קען מען געבן שכר מצוה אויף די וועלט, ווייל ווען א טאטע גיט פאר קינדער מתנות מחמת אהבה אפי' מער ווי שורת הדין.

יא. דער **ירושלמי** זאגט אז פאר דעם וואס א איד טוט א מצוה מיט שמחה איז דא שכר מצוה אויף די וועלט.

יב. דער **חנוכת התורה** (פר' יתרו) זאגט אז אויף די ערשטע צוויי דברות וואס מ'האט געהערט פונעם רבש"ע אליין איז דא שכר מצוה אויף די וועלט, ווייל די מצות וואס מ'האט געהערט פון אייבערשטן אליינס גייט אן לא תלין אויב מ'גיט נישט קיין שכר אויף די וועלט.

יג. דער **עצי חיים** זאגט לויט דעם אז אויף שמירת שבת און מצות שמיטה וואס איז אויך אמונה, איז דא שכר מצוה אויף די וועלט.

יד. דער **מהרש"א** (סוטה י"ד) זאגט אז אויף דעם וואס א איד מאכט הרחקות און גדרים וסייגים איז דא שכר מצוה אויף די וועלט.

טו. דער **רמב"ם** (פי' המשניות מס' פאה) זאגט אז אויף מצות שבין אדם לחבירו איז דא שכר מצוה אויף די וועלט.

טז. דער **רבי זי"ע** אין **ברך משה** (פר' עקב) זאגט אז ווען א איד איז זיך מסתפק במועט און ער גיט זיך נישט נאך די הנאות און מותרות פון עוה"ז איז דא שכר מצוה אויף די וועלט.

יז. נאך שטייט אין **ברך משה** (שם) אז פאר די מאה ברכות איז דא שכר מצוה אויף די וועלט.

יח. נאך א בחינה זאגט **דער רבי ז"ל** (ברך משה פר' תזריע) אז קיין שכר מצוה איז טאקע נישטא אבער א שכר אויף דעם וואס ער האט אין די צייט נישט געטון קיין עבירה איז יא דא.

יט. דער **בכור שור** (ב"ב) זאגט אז פארן מקיים זיין א ל"ת באקומט מען שכר אויף די וועלט, אזוי ווי מ'גיט מלקות דערויף אויף די וועלט.

כ. דער **שערי ציון** זאגט לויטן **בכור שור** אז אויף פסח און מילה איז אויך דא שכ"מ בעוה"ז, ווייל אויף די 2 מצוות איז דא א עונש כרת.

כא. דער **נועם מגדים** (פר' אחרי) זאגט אז פאר מקיים זיין מצות דרבנן איז דא שכר מצוה אויף די וועלט.

כב. דער **רבי זי"ע** אין **דברי יואל** (פר' ויצא) זאגט אז דאס וואס מ'נעמט איבער יענעמס מצוות דורכדעם וואס יענער האט גערעדט אויף דיר לשון הרע, איז דא שכר מצוה אויף די וועלט.

כג. דער **רבי זי"ע** אין **ויואל משה** (מאמר ישוב אר"י) ברענגט אז ווען א מענטש טוט א מצוה ווען ער איז נאך א רשע, ווארפט מען אים צוריק די מצוה אין פנים, אבער דאך באקומט ער נאך א שכר מצוה דערויף אויף די וועלט.

כד. דער **רבי זי"ע** אין **דברי יואל** (פר' נשא) זאגט אז דורך די מצות וואס מ'טוט שלא לשמה באקומט מען שכר מצוה אויף די וועלט.

כה. **כ"ק מרן רבינו שליט"א** זאגט אז דער **עצ"ח** זאגטאז די טעם פארוואס שכ"מ בה"ע ליכא איז ווייל כ'האב מורא אז ער וועט נאכדעם זינדיגן, אבער אויב איינער איז א **מזכה את הרבים**, זאגט דאך די משנה אז אין חטא בא על ידו, האט ער יא שכ"מ אויף די וועלט.

כו. עס איז דא **מדרש** אז **בזכות גלות ויסורים** איז דא שכר מצוה אויף די וועלט.

כז. דער **ערבי נחל** זאגט אז די גאנצע טעם פארוואס מ'צאלט נישט קיין שכ"מ אויף די וועלט איז ווייל א מענטש איז א קבלן און ער מוז אלעס ענדיגן און ביז דעמאלטס קען מען נישט געבן קיין שכר, אבער דער **שלה"ק** זאגט אז אויב מ'איז משתוקק מקיים צו זיין אלע מצות איז אזוי ווי מ'וואלט דאס מקיים געווען, ממילא באקומט מען שכר אויף די וועלט.

כח. דער **חיד"א** זאגט אז יעקב ועשו האבן זיך צוטיילט מיט די צוויי וועלטן, און אידן מעגן הנאה האבן פון עוה"ז ווייל די וועלט האלט זיך דורך די מצות פון אידישע קינדער, האבן זיי א דין ווי מציל מזוטו של ים. זאגט **כ"ק מרן רבינו שליט"א** לויט דעם וואס די גמ' זאגט אז ווען איינער טוט איין מצוה איז ער מכריע אים און די גאנצע וועלט לכף זכות, איז ער דאך א מציל מזוטו של ים, ממילא מעג ער הנאה האבן פון די וועלט.

# מילי דשמעתתא

בשיעור השבוע במס' קידושין פרק שלישי

*

**תנאי כפול:**

מיר האבן געלערנט די וואך אין די גמרא אז לויט ר' מאיר איז איינע פון די משפטי התנאים אז עס דארף זיין א **תנאי כפול**, און רחב"ג קריגט דערויף. און די גמרא ברענגט א ראי' פון די וואכעדיגע סדרה, אז ס'שטייט א דאפעלט לשון **אם בחקתי תלכו ואם בחקתי תמאסו**. לויט ר"מ שטייט ביידע ווייל עס מוז זיין א **תנאי כפול**, און לויט רחב"ג כדי צו זאגן אז מען באקומט אן עונש אויב מ'איז נישט מקיים די מצות.

דער **ערבי נחל** (בפרשתן) איז מסביר די שיטה פון ר"מ אז אויב מען האט נישט געמאכט א **תנאי כפול** איז די מתנה קיימת, ווייל די סברא גיט מיט אז דער מענטש וואס מאכט דעם תנאי וויל דא געבן פארן מענטש די מתנה, וויבאלד מיר זעהן אז אפילו ווען דער מענטש האלט יא איין דעם תנאי קומט אים נאך אויך נישט די מתנה מצד הדין נאר ווייל דער מענטש וויל אים דאס געבן מצד החסד, דעריבער פארשטיי איך אז אויב האט דער מענטש נישט געמאכט דעם תנאי מיטן פולסטן שטרענגקייט מיינט ער דאס נישט גענוג ערענסט און ער איז גרייט צו געבן די מתנה אפילו אזוי אויך. א באווייז דערצו איז ווייל ווען א מענטש פארקויפט עפעס פארן חבר פאר די פולסטע ווערד, איז דאס אויך אזוי ווי א תנאי, ער גיט אים נאר דעם חפץ בתנאי אז ער גיט אים דאס געלט, דאך זאג איך נישט אז עס דארף זיין א תנאי כפול, ווייל איך פארשטיי אליין אז ער וויל אים נישט געבן דעם חפץ מצד החסד נאר פארן פולסטן ווערט, אבער דא ביי מתנה גיט ער דאך דאס נישט פארן ווערד, אפילו ווען ער נעמט זיך אוים א תנאי איז דאך דאס אויך ווייט נישט די ווערד, מילא זאג איך אז ער איז סיווי מסכים אים דאס צו געבן, איבער דעם איז המתנה קיימת.

קומט אוים אז עס איז דא צוויי טעמים פארוואס די תורה זאגט **אם בחקתי תלכו ואם בחקתי תמאסו** א. אפי' לויט רחב"ג וואס געוועגליך דארף מען נישט האבן קיין תנאי כפול דארף מען דא יא כדי מ'זאל וויסן אז עס קומט אן עונש. ב. לויט ר"מ ווייל ווען עס שטייט ווען נישט קיין תנאי כפול וואלטן ווען בעלי עבירה אויך באקומען שכר.

מיט טייטשט דער **ערבי נחל** דעם פסוק (תהלים ס"ב) **אחת דבר אלקים שתים זו שמעתי**, דער אייבערשטער האט נאר געזאגט איין דיבור אז מ'זאל אים פאלגן וואס ער הייסט, **שתים זו שמעתי**, ער האט דאס אבער געזאגט אויף צוויי וועגן סיי **אם בחקתי תלכו** סיי **אם בחקתי תמאסו**, צוליב צוויי סיבות, איינס לויט רחב"ג ווייל **כי עוז לאלקים** כדי אז זאל קענען געבן אן עונש פאר די רשעים, און די צווייטע לויט ר"מ **ולך ה' חסד** דער אייבערשטער טוט אלעמאל א חסד א אפילו **כי אתה תשלם לאיש כמעשיהו**, איז דאס אויך א חסד, ממילא מוז זיין א תנאי כפול אז די רשעים זאלן נישט באקומען קיין שכר.